# L'avare Acte III Scène VII

Harpagon

Shrayendik shoyn fun gortn on

-Gevalt, a ganev! Khapt dem ganev, dem merder, dem rotseakh! Goteniu, groyser got, helf mir! Ikh bin farloyrn, men hot mikh avekgeharget, men hot mikh gekoylet: men hot mir tsugenumen mayn gelt! Ver kon es zayn? Vu hot er gekont ahinkumen? Vu iz er? Vu gefint men im? Vos hoybt men on tsu ton? Vu zol ikh loyfn? Vu zol ikh nisht loyfn? Efsher iz er do? Efsher iz er dort? Ver iz dos? Shtey!

*Tsu zikh aleyn, onkhapendik zikh far der hant*

Mayn gelt,gib mir avek, gemeyner yung ! Ha ,dos bin ikh aleyn !Der moyekh iz mir tsemisht, ikh veys nisht vu ikh bin, ver ikh bin un vos ikh tu .Vey iz mir ,mayn gelt mayn orem gelt ,mayn bester fraynt, men hot dikh dokh tsugenumen fun mir ! On dir bin ikh on shtitse ,on treyst ,on freyd!Far mir iz shoyn alts geendikt, ikh hob shoyn nisht vos tsu ton oyf der velt .On dir kon ikh nisht lebn .Fartik, ikh kon shoyn nisht mer ,ikh shtarb avek ,ikh bin shoyn geshtorbn .Tsi iz nishto emetser ,vos zol mikh lebedik makhn, opgebn mir mayn lib gelt, oder zogn ver es hot es tsugenumen ?Ha? vos zogt ir ?Dos iz keyner nisht, der ,vos hot opgeton dos shtikl arbet hot mistome lang mir nokhgekukt un hot oysgemiarket punkt di tsayt ven ikh hob geredt mit mayn ben sorer umore ,men muz geyn.Ikh vel rufn politsay, di gantse shtub vel ikh heysn durkhnishtern ,alemen vel ikh heysn oysfregn :Di dinstn, di knekht, dem zun, di tokhter un mikh aleyn oykh.Fun vanen hot zikh aza oylem mentshn genumen ? Oyf vemen ikh tu nor a kuk hob ikh a khshad, in yedern ze ikh dem ganev .

*Traduction Yiddish : A.Einhorn paru en 1921 à Varsovie aux éditions « Di tsayt »*

## דער קאַרגער

## דריטער אקט-זיבעטע סצענע

שרייַענדיק שוין פֿון גאָרטן אָן

האַרפּאַגאָן

געוואַלט, אַ גנבֿ! כאַפּט דעם גנבֿ, דעם מערדער, דעם רוצח! גאָטעניו, גרויסער גאָט, העלף מיר! איך בין פֿאַרלוירן, מען האָט מיך אַוועקגעהרגעט, מען האָט מיך געקוילעט: מען האָט מיר צוגענומען מייַן געלט! ווער קאָן עס זייַן? ווו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? ווו איז ער? ווו געפֿינט מען אים? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? ווו זאָל איך לויפֿן? ווו זאָל איך נישט לויפֿן? אפֿשר איז ער דאָ? אפֿשר איז ער דאָרט? ווער איז דאָס? שטיי!

*צו זיך אַליין, אָנכאַפּענדיק זיך פֿאַר דער האַנט*

מייַן געלט גיב מיר אַוועק, געמיינער יונג! אַ ,דאָס בין איך אַליין ! דער מוח איז מיר צעמישט, איך ווייס נישט ווו איך בין, ווער איך בין און וואָס איך טו. ווי איז מיר, מייַן געלט, מייַן אָרעם געלט, מייַן בעסטער פֿרייַנט ,מען האָט דיך דאָך צוגענומען פֿון מיר! אָן דיר בין איך אָן שטיצע, אָן טרייסט, אָן פֿרייד! פֿאַר מיר איז שוין אַלץ געענדיקט, איך האָב שוין נישט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט. אָן דיר קאָן איך נישט לעבן. פֿאַרטיק ,איך קאָן שוין נישט מער, איך שטאַרב אַוועק, איך בין שוין געשטאָרבן .צי איז נישטאָ עמעצער, וואָס זאָל מיך לעבעדיק מאַכן, אָפּגעבן מיר מייַן ליב געלט, אָדער זאָגן ווער עס האָט עס צוגענומען? האַ? וואָס זאָגט איר? דאָס איז קיינער נישט. דער, וואָס האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט האָט מסתּמא לאַנג מיר נאָכגעקוקט און האָט אויסגעמיִאַרקעט פּונקט די צייַט, ווען איך האָב גערעדט מיט מייַן בן סורר ומורה, מען מוז גיין. איך וועל רופֿן פּאָליציי, די גאַנצע שטוב וועל איך הייסן דורכנישטערן, אַלעמען וועל איך הייסן אויספֿרעגן: די דינסטן, די קנעכט, דעם זון, די טאָכטער און מיך אַליין אויך .פֿון וואַנען האָט זיך אַזאַ עולם מענטשן גענומען? אויף וועמען איך טו נאָר אַ קוק האָב איך אַ חשד, אין יעדערן זע איך דעם גנבֿ!

# L’avare  Acte III Scène  VII

Harpagon (Il crie au voleur dès le jardin, et vient sans chapeau.)
Au voleur ! Au voleur ! À l'assassin ! Au meurtrier ! Justice, juste Ciel ! Je suis perdu, je suis assassiné, on m'a coupé la gorge, on m'a dérobé mon argent. Qui peut–ce être ? Qu'est–il devenu ? Où est–il ? Où se cache–t–il ? Que ferai–je pour le trouver ? Où courir ? Où ne pas courir ? N'est–il point-là ? N'est–il point ici ? Qui est–ce ? Arrête. Rends–moi mon argent, coquin… (Il se prend lui–même le bras.) Ah ! C’est moi. Mon esprit est troublé, et j'ignore où je suis, qui je suis, et ce que je fais. Hélas ! Mon pauvre argent, mon pauvre argent, mon cher ami ! On m'a privé de toi ; et puisque tu m'es enlevé, j'ai perdu mon support, ma consolation, ma joie ; tout est fini pour moi, et je n'ai plus que faire au monde : sans toi, il m'est impossible de vivre. C'en est fait, je n'en puis plus ; je me meurs, je suis mort, je suis enterré. N'y a–t–il personne qui veuille me ressusciter, en me rendant mon cher argent, ou en m'apprenant qui l'a pris ? Euh ? Que dites–vous ? Ce n'est personne. Il faut, qui que ce soit qui ait fait le coup, qu'avec beaucoup de soin on ait épié l'heure ; et l'on a choisi justement le temps que je parlois à mon traître de fils. Sortons. Je veux aller querir la justice, et faire donner la question à toute la maison : à servantes, à valets, à fils, à fille, et à moi aussi. Que de gens assemblés ! Je ne jette mes regards sur personne qui ne me donne des soupçons, et tout me semble mon voleur. Eh ! De quoi est–ce qu'on parle là ? De celui qui m'a dérobé ? Quel bruit fait–on là-haut ? Est–ce mon voleur qui y est ? De grâce, si l'on sait des nouvelles de mon voleur, je supplie que l'on m'en dise. N'est–il point caché là parmi vous ? Ils me regardent tous, et se mettent à rire. Vous verrez qu'ils ont part sans doute au vol que l'on m'a fait. Allons vite, des commissaires, des archers, des prévôts, des juges, des gênes, des potences et des bourreaux. Je veux faire pendre tout le monde ; et si je ne retrouve mon argent, je me pendrai moi–même après.